**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט מיט 270 יוניטס אין סטעטן איילענד

***ניי-געבויטע 12-שטאקיגע געביידע האט 138 אפארטמענטס פאר געוועזענע היימלאזע עלטערע מענטשן מיט שטיצנדע סערוויסעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון The Pearl, א נייע אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 270 יוניטס מיט נאך צוגעלייגטע צוועקן אין סטעטן איילענד'ס Bay Street Corridor געגנט. דער 155 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט רעכנט אריין 138 אפארטמענטס פאר געוועזענע היימלאזע עלטערע מענטשן מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס און אזוי אויך האט עס פלאץ פאר ריטעיל געשעפטן. אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינועל (Homes and Community Renewal) געבויט אדער פרעזערווירט מער פון 500 אפאָרדעבעל היימער אין סטעטן איילענד. The Pearl זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער Hochul (האקול)'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן וואס איז אויף די רעלסן צו בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט.

"The Pearl איז א שיינענדעביישפיל פון וויאזוי דאס פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט קען באשיצן די שוואכסטע ניו יארקער פון היימלאזיגקייט, פארשטערקערן קאמיוניטיס און באַרייכערן די קוואליטעט פון לעבן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די דעוועלאפמענט ברענגט מער געלעגנהייטן פאר פאמיליעס צו האבן א זיכערע, נייע היים און פאר עלטערע מענטשן צו האבן די באקוועמע און סטאבילע פלאץ צו וואוינען וואס קומט זיך זיי."

דעוועלאפט דורך BFC Partners און Selfhelp Realty Group, זענען אלע אפארטמענטס ביי The Pearl אוועקגעלייגט פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען ביז 80 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט. די 12-שטאקיגע געביידע רעכנט אריין 10,000 סקווער פיס אויף די אונטערשטע שטאק פאר ריטעיל געשעפטן. איינריכטונגען פאר די איינוואוינער רעכענען אריין טערראסעס אויפן דאך, א דזשים, א קינדער צימער און א פלאץ פאר דרויסנדיגע אקטיוויטעטן.

די שטיצנדע אפארטמענטס בענעפיטירן פון א גרענט פון די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) וואס ווערט איבערגעגעבן דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health). שטיצע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך Selfhelp רעכענען אריין גייסטישע און פיזישע וואוילזיין פראגראמען, ווארקשאַפּס איבער ריכטיגע נערונג און טראנספארטאציע צו העלט קעיר פּראָווײדערס.

די גאר ענערגיע-שפארזאמע דעוועלאפמענט איז סערטיפייד געווארן אונטער די סטאנדארטן פון Enterprise Green Communities און די EPA'ס Energy Star. שפארזאמקייט מאסנאמען רעכענען

אריין Energy Star אפּלייענסעס, LED באַלייכטונג איינריכטונגען, גאר שפּאַרזאַמע קילונג, הייצונג, הייסע וואסער און ווענטילאציע סיסטעמען און פארב וואס האט נאר נידעריגע מאסן פון כעמיקאלן וואס גייען אריין אין די לופט.

The Pearl געפונט זיך אינערהאלב די Bay Street Corridor געגנט, גיבנדיג גרינגע צוטריט פאר די איינוואוינער צו די סטעטן איילענד רעילראָוד (Staten Island Railroad) און צו העלט קעָיר און ריטעיל סערוויסעס, און עס ערגענצט סטעטן איילענד'ס געגנט אין די ניו יארק סטעיט שטאָט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative), וואס ציהלט צו פארגרעסערן די האוזינג מארקעט און שאפן א פיסגייער-פריינטליכע, טראנספארטאציע-אריענטירטע קאמיוניטי מיט האוזינג, דזשאבס און לאקאלע ביזנעסער.

סטעיט רעגירונג פינאנצירונג רעכנט אריין 45.6 מיליאן דאלאר אין באנדס וועלכע זענען פערמאנענט פטור פון טעקס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 66.8 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 1.4 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל. אין צוגאב האט די דעוועלאפּמענט זיך באטייליגט אין די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג'ס (Department of Environmental Conservation, DEC) ערפאלגרייכער פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם (Brownfield Cleanup Program), און עס איז בארעכטיגט געווארן פאר טעקס קרעדיטס וואס וועלן ארויסגעגעבן ווערן דורך די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Tax and Finance).

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "The Pearl ברענגט 270 היימער פון א הויכע קוואליטעט צו סטעטן איילענד וואס האלטן עלטערע מענטשן און פאמיליעס זיכער, בשעת'ן אפּפערן צוטריט צו די איינריכטונגען און סערוויסעס וואס גיבן זיי די טשאנס צו בליהען. די דעוועלאפּמענט ערגענצט די אינוועסטירונג פון ניו יארק סטעיט'ס שטאָט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און עס בארייכערט די Bay Street Corridor געגנט פלאן צו פארבינדן געגנטער און צו שאפן א לעבהאפטיגע, פיסגייער-פריינטליכע קאמיוניטי. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האָקול) פאר איר חזון און איבערגעגעבנקייט צו פארמערן אפּארדעביליטי פאר ניו יארקער אריבער די 'עמפּייער סטעיט' און פאר BFC Partners און Selfhelp Realty Group פאר זייער ארבעט צו פארענדיגן די טראנספארמאטיווע דעוועלאפּמענט."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער Hochul (האָקול), טוט ניו יארק סטעיט לייגן א פריאריטעט אויף האוזינג און שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען. האוזינג איז איינס פון די מערסט פונדאמענטאלע געזעלשאפטליכע געביטן וואס זענען משפיע אויף די געזונטהייט, און The Pearl איז א ביישפּיל פון די סטעיט'ס פארפליכטונג צו געזונטהייט גערעכטיגקייט און צו די וואוילזיין פון ניו יארקער."

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג צייטווייליגע קאמישאנער, Sean Mahar (שאָן מאהאר), האט געזאגט,** "דאס פארוואנדלען געוועזענע אינדוסטריאלע לאקאציעס צו ווערן אפּאָרדעבעל האוזינג איז א הויכפּונקט פון ניו יארק סטעיט'ס פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם וואס העלפט אויפרייניגן ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג און שטיצן לאקאלע אויפלעבונג באמיאונגען. The Pearl פראיעקט אין סטעטן איילענד איז די לעצטע געוואלדיגע ביישפּיל פון וויאזוי דער ערפאלגרייכער פראגראם טוט פארשטערקערן גאווערנער Hochul (האָקול)'ס פארפליכטונג צו בויען אפּאָרדעבעל האוזינג אריבער די סטעיט צו בענעפיטירן שוואכערע קאמיוניטיס בשעת'ן שטיצן די DEC'ס מיסיע צו באשיצן די געזונטהייט פון די פובליקום און די סביבה."

**אסעמבלי מיטגליד Charles D. Fall (טשארלס ד. פאָל) האט געזאגט,** "זעהענדיג 475 Bay Street עפענענדיג אירע טירן איז א שטאלצע מאמענט, ברענגענדיג גאר-נויטיגע אפאָרדעבעל האוזינג צו עלטערע מענטשן וועם עס קומט זיך א זיכערע און סטאבילע פלאץ צו פאררופן א היים. א דאנק BFC Partners און יעדן וואס איז געווען פארמישט, מאכט דער פראיעקט זיכער אז אונזערע עלטערע קענען לעבן מיט כבוד און זיכערהייט דא אין סטעטן איילענד."

**סטעיט סענאטארשע Jessica Scarcella-Spanton (דזשעסיקע סקאַרסעלא-ספענטאן) האט געזאגט,** "די עפענונג פון The Pearl וועט צושטעלן באקוועמע און זיכערע האוזינג וואס ערפילט די באדערפענישן פון אונזערע שוואכסטע עלטערע מענטשן. אונזערע עלטערע מענטשן קומען זיך די געלעגנהייט זיך צו פארעלטערן אין די קאמיוניטי, און איך בין פרייליך צו פייערן די עפענונג מיט די סטעיפעלטאן קאמיוניטי. איך קוק ארויס צו זעהן אלע אירע איינוואוינער לעבנדיג זעלבסטשטענדיגערהייט מיט די שטיצע און הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען בלייבן פארבינדן אין זייער קאמיוניטי פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**ניו יארק סיטי פלאנירונג דעפארטמענט (New York City Planning Department) דירעקטאר, Dan Garodnick (דען גערַאדניק), האט געזאגט,** "ווען די סיטי פלאנירונג דעפארטמענט האט אויסגעארבעט די Bay Street Corridor געגנט פלאן צוזאמען מיט די קאמיוניטי, איז The Pearl געווען גענוי די סארט געביידע וואס מיר האבן געהאפט צו זעהן אין די ערשטע שטאפלען. מיט אפאָרדעבעל היימער, אריינרעכענענדיג די וואס ווערן אוועקגעלייגט פאר עלטערע מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט, עפנטליכע אפענע פלאץ און דזשאב געלעגנהייטן, איז די נייע דעוועלאפמענט א גרויסע ערשטע טריט אין ריכטונג פון א מער לעבהאפטיגע און גערעכטע Bay Street. עס איז א געווינס פאר די געגנט, באראו און סיטי."

**Joseph Ferrara (דזשאָוסעף פערארא) פון BFC Partners האט געזאגט,** "אלס א סטעטן איילענד-געבוירענער, בין איך גאר שטאלץ צו ברענגען קאמיוניטי-צענטרירטע, שטאטישע אנטוויקלונג לייזונגען צו אונזער באראו. דאס פארזיכערן ווענטליכע האוזינג פאר די נויטבאדערפטיגע צאלט זיך שטארק אפ, און די עפענונג פון The Pearl צייכנט אפ א באדייטנדע טריט צו אריינעמען יעדן איינעם, ארויסווייזנדיג אונזער איבערגעגעבנקייט צו צוגענגליכע האוזינג פאר יעדן."

**Selfhelp Realty Group עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Lisa Trub (ליסא טראָב), האט געזאגט,** "Selfhelp איז שטאלץ צו זיין א שותף אין די דעוועלאפמענט און די אויפן-ארטיגע סאָושעל סערוויס פראָוויידער פון The Pearl. צוזאמען מיט BFC Partners, ברענגען מיר גאר-נויטיגע היימער און אריינגעבויטע סערוויסעס פאר שוואכערע עלטערע מענטשן צו סטעטן איילענד. מיר ווייסן אז עלטערע מענטשן קענען זיך פארעלטערן בכבוד ווען זיי האבן סטאבילע אפאָרדעבעל האוזינג מיט אויפן-ארטיגע סערוויסעס וואס קומען נאך זייערע באדערפענישן און רעספעקטירט זייער לעבנס ערפארונג."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. אין צוגאב, אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט

פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער אנאנסירט א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 45,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. פרא-האוזינג סערטיפיקאציע איז יעצט א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז היינט זענען מער פון 225 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן, אריינרעכענענדיג ניו יארק סיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן